שנה ג׳
גליון נ״ט

בלק-פינחס
תשפ״ד לפ״ק

בעזהשי״ת

# בקודש פנימה

## שיחות קודש מכ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

גליון פנימי • י״ל ע״י ׳מערכת קהלת יעקב׳ דחסידי פאפא

**מדור שיחות קודש ——— א**

בתוכן:

**שני הכתובים המכחישים זה את זה** / שבת שול-פירן / **תלמידי מרן הערוגת הבשם** / אבות באים מעולם העליון לשמחה / **היכל בעולם העליון ששם מראים שידוך המיועד** / ענין אמירת קדיש אחר נפטר / **דור הולך ודור בא** / איש האשכולות / **פתיחת בית חינוך לבנות בב״פ** / עסקני המוסדות בימי קדם / **התרחקות מחנופה** / ניגון עם הסכמה מבעלזער רב / **איגוד עם החברייא** / התפתחות עיר ב״פ / **ועוד**

**מדור דברות קודש ——— יא**

בתוכן:

בהקהל נאמרה / **נסיעה לאמעריקא על דעת לחזור** / אין מחיצות בין האלאשיץ לבעלזא / **אין אדם משים עצמו אינו חסיד** / להתחזק נגד הנסיונות / **קדש עצמך במותר לך** / אסיפת חסידים בשטיבל / **ועוד**

**מדור חסידים דערציילן – טו**

בתוכן:

**הולך בדרכי אבות** / פירות טובים / **מקוה חמה בט׳ ימים** / סיום בט׳ ימים / **תיקון חצות**

שיחת קודש של כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א בעת **שמחת השבע ברכות לנכד גיסו חדב״ן הגה״צ אבד״ק לימנוב שליט״א** בן לחתנו הרה״ג ר׳ מרדכי אהרן מענדלאוויטש שליט״א **בן הגה״צ אב״ד חאליוב שליט״א**

**יום ב׳ שלח תשפ״ד לפ״ק**

**מרן שליט״א**: איך קום יעצט פון ישיבה, ס׳איז געווען א כינוס פאר די בחורים [א].

**אבד״ק לימנוב**: דער טאג פון מיין חתונה נישט מער געדאכט, איז דער רבי ז״ל געקומען פארלערנען א שיעור אין ישיבה, די בחורים זענען נישט געווען צופרידן... זיי האבן געמיינט אז דער טאג פון די חתונה וועט זיין אביסל מער פריי...

**מרן שליט״א**: היינט מאכט מען אלעס אויף דעם אופן, מ׳מאכט אסיפות פון יעדע זאך, אז מ׳וויל דער עולם זאל הערן קען מען נישט זאגן סתם א דרשה, מ׳דארף מאכן אויף דעם א גאנצע אסיפה.

**אבד״ק לימנוב**: היינט צוטאגס דארף מען טון ביי רוחניות אזוי ווי ביי די גשמיות, כאכילתכם כן עבודתכם.

**מרן שליט״א**: מ׳זאגט נאך פון צדיקים [ב] אז יעדע דור איז דא א מדה פון די שלש עשרה מדות. די יעצטיגע דור איז דא די מדה פון וכאן שני הכתובים המכחישים זה את זה עד שיבא הכתוב השלישי ויכריע ביניהם, מ׳לערנט און מ׳הערט זייער אסאך פון די גאס און פון די צייטונגען און דאס איז מכחישים זה את זה, ס׳איז דא זייער אסאך ווינטן וואס בלאזן, בכלל די גאנצע שפראך וואס הערט זיך

**א.** כינוס ׳הרימותי בחור מעם׳ לבחורי ישיבות הקדושות דחסידי פאפא, בהיכל ביהמ״ד עץ חיים בקרית פאפא, להעמיד גדרים וסייגים בעניני טעכנעלאגיע.

**ב.** כן מתאמרה בשם הרה״ק מרוזין זי״ע.

היינט איז אנדערש ווי אמאל, און מ'דארף האבן דעם כתוב השלישי וואס זאל זיין מכריע ביניהם.

**אבד"ק לימנוב**: אויף די וועג קען מען אויפטון, און מ'טוט טאקע אויף ברוך ה'.

*

**כ"ק מרן שליט"א פנה להחתן ואמר:** אין ישמח ישראל שטייט (פ' נשא אות ה) אז די ערשטע שבת נאך שבועות שבת פרשת נשא הייסט שבת שול-פירן, איז ער מסביר אז דער ענין פון שול-פירן איז קעגן עין הרע, אז מ'נעמט ארום די כלה צו שול וועגן עין הרע, און א שבת נאך שבועות איז שול-פירן[ג]; זעט אז מען אז א חתן דארף שמירה.

**אבד"ק לימנוב**: דער חתן הייסט יוסף בן שרה רבקה[ד]; ס'איז דא צוויי יוסף בן שרה רבקה'ס, דער חתן, און כ"ק האדמו"ר מסקולען-מאנסי שליט"א[ה] האט א זון יוסף בן שרה רבקה

*

**הגה"צ אבד"ק לימנוב שליט"א הצביע על א' מבני משפחתו:**

ער איז אן אייניקל פון דער ביסטריצער רב הגה"צ רבי מאיר שפיץ זצ"ל, און דער ביסטריצער רב איז געווען א תלמיד פון כ"ק מרן הערוגת הבשם זי"ע.

**מרן שליט"א**: א תלמיד פון ערוגת הבשם! אין ישיבה פון הגה"ק דער אונסדארפער רב זצוק"ל פלעגט ער לאזן שפילן חנוכה מיט קוויטלער, אבער די תלמידים פון ערוגת הבשם האט ער נישט געלאזט שפילן מיט קיין קוויטלער, ער האט געזאגט: "ענקער רבי לאזט נישט שפילן, עטץ קענטס נישט שפילן".

*

**אבד"ק לימנוב**: כ'האב געזען אן אינטערעסאנטע מעשה אז הרה"ק רבי מאיר יוסף רובין מקערעסטיר זי"ע האט חתונה געמאכט זיין זון אין שטאט סאטמאר, ער איז געווארן אן איידעם אין שטאט סאטמאר.

ר' מאיר יוסף האט כדרכו פון זיין זיידן הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע געוואלט אז ס'זאל זיין צוגעשטעלט שבע ברכות מיט א ברייטקייט פאר'ן גאנצן עולם, אבער ס'איז דארט געווען צוגעשטעלט בלויז בצמצום, מ'האט געגרופן ממש נאר וועמען מ'האט געדארפט רופן. נאך האט ער געהאט חשק אז ס'זאל זיין צוויי שבע ברכות'ן יעדן טאג אזוי, ס'איז איינגעפירט ביי אסאך רבי'שע הויפן אז מ'מאכט שבע ברכות אויף בייטאג.

אבער מ'האט אים געזאגט אז ס'איז נישט שייך, ס'איז נישט דא מיט אזא ברייטקייט, האט ער געבעטן אז מ'זאל קומען צו פארן קיין קערעסטיר, ער האט אן אויוון מיט א וויין

---

**ג.** ראה שם לשון קדשו: וזהו ביאור הענין שאמר כ"ק אדמו"ר זצללה"ה מביאלע ששבת זה נקרא שוהל פירען, שענין מה שמוליכין הזוג לבית הכנסת אחר החתונה הוא שלא ישלוט בהם עין הרע, כי ע"י שהמה מוסתרים בתוך עמם יש בהם הויות וקיום, ולא יוכל לשלוט בהם עין הרע, וכמו שאומרים (באלקי נצור) ונפשי כעפר לכל תהי', ע"י מה שנפשי כעפר לכל, תהי', יש לו הויות, וזהו שנקרא 'בית הכנסת' שמכנס ומאסף כולם יחד באסיפה אחת, ובזה לאחר קבלת התורה עושין לעצמם כלי להחזיק התורה, היינו להיות שלום ואחדות ובכנסי' לש"ש כנזכר לעיל.

**ד.** שמו הק' של כ"ק מרן זצוק"ל

**ה.** חתן חדב"ן הגה"צ אבד"ק טערצאל שליט"א.






קעלער, ס'איז דא צוגעשטעלט מיט א ברייטקייט, און דער גאנצער עולם וועט קענען קומען.

למעשה האט ער געזאגט אז ער וויל נישט, ווייל די אבות זענען דאך אראפגעקומען פון עולם העליון צו די חתונה, זענען זיי דאך אראפגעקומען דא אין שטאט, קענען אונז נישט יעצט אוועקפארן פון דא וואו די זיידע'ס זענען אהערגעקומען, און מ'איז טאקע געבליבן דארט; דאס איז א תמימות, וויאזוי מ'האט אנגענומען מיט א פשטות דאס אז די אבות הק' קומען אראפ[ו].

**מרן שליט"א**: כ'האב געזען ברענגען אן אינטערעסאנטע סיפור אז הרה"ק רבי מאטעלע הורנסטייפלער זי"ע איז געווען אן איידעם ביי הרה"ק צאנזער רב זי"ע, און זיין זיידע הרה"ק דער טשערקאסער זי"ע איז געקומען צום חתונה.

ס'איז דאך ידוע אז צאנזער רב האט אלץ אוועקגעגעבן זיין גאנצע געלט, און ווען ס'איז געקומען צו די חתונה האט דער טשערקאסער געזאגט אז ער גייט נישט צו די חופה ווילאנג מ'שטעלט נישט קיין נדן, אז מ'האט צוגעזאגט נדן דארף מען עס באצאלן, און אן דעם גייט מען נישט צום חופה.

ווען צאנזער רב האט געזען אז דער טשערקאסער וויל נישט גיין צום חופה, האט ער זיך אויפגעהויבן פון פלאץ צוזאמען מיט'ן חתן און אהיימגעגאנגען.

אינמיטן האט דער טשערקאסער אפגעמאכט אז ער גייט יא צום חופה; פארוואס גייט ער יא צום חופה? ווייל זיין טאטע הרה"ק רבי מאטעלע טשערנאבלער זי"ע האט זיך באוויזן צו אים ווי ער שטייט שוין ביים חופה און ערווארט, און אויב אזוי מוז ער שוין גיין צום חופה.

**אבד"ק לימנוב**: דאס איז א מורא'דיגע מעשה. מיין זיידע דער ווייצענער רב הגה"צ רבי צבי הירש מייזליש זצ"ל פלעגט דאס אסאך דערציילן, ער פלעגט אבער מוסיף זיין, אז דער טשערקאסער האט געפרעגט פונעם צאנזער רב: "מחותן, וואו איז דער נדן, מ'דארף שוין גיין צום חופה?" האט צאנזער רב געענטפערט: "כ'האב געהאט, און כ'האב עס פארטיילט".

האט דער טשערקאסער געפרעגט: "נו, אויב אזוי וואס האסטו געברענגט?" האט דער צאנזער רב געזאגט בזה הלשון: "אויף איין פלייצע האב איך גאנץ ש"ס, און אויף די צווייטע פלייצע האב איך ד' חלקי שלחן ערוך; און דאס האב איך געברענגט". האט דער טשערקאסער צוריקגעזאגט: "מיט דעם קען מען נישט איינקויפן"... ווי מ'זאגט אם אין קמח אין תורה (אבות ג, יז).

ווען צאנזער רב האט דאס געהערט, האט ער געזאגט אז נישט איז נישט... און ער איז געגאנגען אין בית המדרש און זיך געזעצט לערנען, און טאקע נאך א קורצע צייט איז דער טשערקאסער צוריקגעקומען אז דער הייליגער רבי מאטעלע טשערנאבלער האט אים געזאגט אז מ'זאל נישט מעכב זיין נאר שוין גיין צו די חופה.

אלע פרעגן: "וואס איז טאקע געווארן די סוף?"... דער תירוץ איז אז סוף האט ער באצאלט, נאר נישט אויפ'ן פלאץ. אבער מיין זיידע פלעגט חזר'ן די מימרא אז ער האט געברענגט אויף איין פלייצע ש"ס און אויף איין פלייצע ד' חלקי שלחן ערוך.

**מרן שליט"א**: ביי הגה"ק רבי יודא גרינוואלד זצוק"ל מסאטמאר האט מען אים אמאל שמחת תורה געוואלט געבן חתן תורה, האט ער זיך צעוויינט, זאגנדיג: "איך בין שוין פערציג יאר א חתן, און איך קען נאכנישט די כלה"...

**אבד"ק לימנוב**: איינער פון אונזער גזע וואס אונז שטאמען איז געווען א מעשה אז דער חתן האט נישט געוואוסט ווער די כלה איז, און פרייטיג צונאכטס האט מען אים געזאגט: "גיי זאג גוט שבת פאר די כלה", און ער האט געזאגט פאר א צווייטן ווייל ער האט נישט געוואוסט ווער די כלה איז...

**מרן שליט"א**: ווען דער מיטעלער רב כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע איז געווארן א חתן האט קיינער נישט געזען די כלה ביים שידוך, האט די רביצין הרבנית הצדיקת מלכה ע"ה געפרעגט פונעם ערשטן רב כ"ק מרן מהר"ש זי"ע: "קען מען דען אזוי טון א שידוך אן זען די כלה?" האט דער ערשטער רב געענטפערט אז אויבן אין הימל איז דא א היכל וואס הייסט 'מראות הצובאות' וואס דארט זעט מען

---

**ו.** ראה בספר בטוב צדיק (ספינקא עמוד נט): הגה"ק רבי מאיר יוסף רובין הי"ד זי"ע השיא אחד מבניו בעיר סאטמאר, עם בת הרה"ק רבי חיים האלבערשטאם זי"ע, ומלכתחלה היה צריך להיות גם השבע ברכות שם, אבל מכיון שראה את העניות השורר בבית מחותנו עלה בדעתו להעביר את כולם לקערעסטיר ולסיים שם את ימי השבע ברכות באשר שם יוכל להכין הכל ביד רחבה.

**הרה"צ** רבי ישכר בעריש מקערעסטיר זצ"ל היה אז בחור צעיר, והלך להרה"ק מביקסאד זי"ע להתברך מפיו, התעניין הרה"ק מביקסאד איך היה החתונה ובמיוחד שאל האם הכל עבר בשלום, כאשר החתונה התקיימה מול מחנה צבאי ואז כבר הציקו ליהודים, ואמר שכן, אז אמר שבודאי שזה בזכות האבות שבאו להשתתף בהשמחה. וביקש מהרה"צ ר' ישכר בעריש שיאמר לאביו שמבקש ממנו שלא יעזוב את העיר, כי האבות הבאים להחתונה נשארים כבר לכל ימי השבע ברכות, ואין נאה להטריחם דרך ארוכה מסאטמאר לקערעסטיר, וכאשר שמע זאת הגה"ק ר' מאיר יוסף רובין, הלך בעצמו להרה"ק מביקסאד וביקש לשמוע זאת בעצמו מפיו, ואז החליט להשאר שם, והרה"ק מביקסאד דאג שיהיה שבע ברכות בהרחבה ובדרך כבוד.

**ביום** האחרון הגיע הרה"ק מביקסאד ואמר לר' מאיר יוסף: הרי אני חלש ולא הייתי צריך לבא הנה, אבל מכיון שהאבות נמצאים פה כעת, לכן הכח שלכם גדול ביותר, ועל כן מבקש אני שתברכני בברכת רפואה שלימה.

די ערליכע אידישע טעכטער, און דארט האט ער געזען די נשמה פון די כלה.

**כ"ק מרן שליט"א יצא בריקוד עם החתן והמחותנים, ועם גיסו אבד"ק לימנוב שליט"א, ואח"כ איחל ואמר:**

יעצט קער נאך צו די סדרה פון פארגאנגענע וואך בהעלותך את הנרות, ס'איז א זמן פון אויפלייכטן נרות; די וואך גייט דאך פרשת שלח, מ'רעדט פון קדושת ארץ ישראל, אלע אידישע שטובער זענען דאך אזיווי ארץ ישראל. זאל דער אויבערשטער העלפן מ'זאל זוכה זיין צו שמחות שטענדיג

* * *

## שיחת קודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בעת **ניחום אבלים אצל האדמורי"ם והרבנים שליט"א לבית קאסוב** על פטירת כ"ק האדמו"ר מקאסוב זצ"ל

**יום ב' קרח תשפ"ד לפ"ק**

**מרן שליט"א**: אשרי מי שכלתה ימיו במהרה (כתבי הרמב"ם לבנו ר' אברהם). אז מ'זעט א איד טוט אויף אין די יונגע יארן וואס פאר אנדערע דויערט אסאך לענגער, קומט דאך אויס אז ער וואלט נאך געקענט אסאך אויפטון ווייטער.

ס'שטייט פון צדיקים אז דאס איז דער ענין וואס מ'זאגט קדיש נאך א נפטר 'יתגדל ויתקדש שמיה רבא', ווייל ס'פעלט אין דעם ענין, דארף מען דאס משלים זיין, וועגן דעם בעט מען א תפלה יתגדל ויתקדש שמיה רבא. ס'פעלט פון די וועלט זיין עבודת ה' און זיין אויפטון פאר אידישקייט.



**אחיו הגה"צ רבי חיים האגער שליט"א אב"ד קאסוב-זאלישטשיק**: חוץ דעם איז ער געווען א גרויסער בעל הוראה, ס'איז אנגעקומען אויף זיינע פלייצע'ס די שווערסטע שאלות.

**מרן שליט"א**: ער האט געהאט סייעתא דשמיא; צו קענען מזכה זיין אידישע קינדער דארף מען האבן סייעתא דשמיא.

**אב"ד קאסוב-זאלישטשיק**: ער האט געהאט סייעתא דשמיא אז ער האט ב"ה איבערגעלאזט אזא שיינע דור.

**מרן שליט"א**: ס'שטייט פון צדיקים אויפ'ן פסוק (קהלת א, ד) דור הולך ודור בא, אז ממילא 'דור הולך' דאס זעט מען, אבער וואס וועט זיין מיט 'דור בא'[ז]. אבער קע"ה אז ס'איז דא א דור בא.

**אב"ד קאסוב-זאלישטשיק**: ער האט איבערגעלאזט חשוב'ע קינדער און איידימער, מורי הוראה, תלמידי חכמים וכו'.

דער רבי האט געהאט עפעס א ספעציעלע שייכות מיט מיין ברודער?

**מרן שליט"א**: ס'איז אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט אים.

**הרה"צ רבי מאיר שליט"א דומ"ץ קהלתנו**: ער האט כמה פעמים גערעדט ביי אונז אין בית המדרש, ער פלעגט האבן א קביעות צו רעדן ביי אונז אין בית המדרש צוויי מאל א יאר, ניסן און תשרי.

**מרן שליט"א**: יא, ער פלעגט רעדן ביי אונז, און ער האט מיטגעהאלטן עטליכע שמחות ביי אונז.

די עלטערע דור האט איבערגעלאזט פאר די יונגערע דור אן עבודה, צו האדווען אידן וואס זאלן קענען גיין קעגן משיח, ס'איז א גרויסע זאך, ס'איז נישט קיין פשוט'ע זאך, מ'דארף זיך אנכאפן אין וואס זיי האבן איבערגעלאזט, מ'דארף זיך אנכאפן אין די עבודות, בפרט היינטיגע צייטן מיט די נסיונות וואס זענען דא איז עס נישט אזוי פשוט.

**אב"ד קאסוב-זאלישטשיק**: ער האט זיך צוגעשטעלט צו די היינטיגע נסיונות, ער האט גוט פארשטאנען דערצו, ער האט דאס געטראגן, ער איז געווען א גרויסע קעמפער.

ס'איז אינטערעסאנט ווי ער האט געקענט ענטפערן אויף אלע סארט שאלות, יעדע ארגאנאזאציע איז געגאנגען דורך זיין פסק, גאר אסאך חינוך שאלות איבער די וועלט האט ער געענטפערט, ער האט געטראגן אלע שווערע זאכן פון דעם דור; פון די אנדערע זייט האט ער געלערנט טאג און נאכט ער איז געווען שקוע בתורה, און נאכדעם האט ער צוגעמאכט די גמרא אויסצוהערן א איד'ס צרה.

ז. כך מתאמרה בשם כ"ק האדמו"ר הבית ישראל מגור זצ"ל.

**מרן שליט"א**: פאריגע וואך אין די סדרה פרשת שלח שטייט (יג, כד) למקום ההוא קרא נחל אשכול על אודות האשכול אשר כרתו משם בני ישראל. דארף מען דאך פארשטיין וואס איז דער ענין פונעם אשכול וואס אויף דעם האט מען געגעבן א נאמען על שם האשכול אשר כרתו משם בני ישראל.

זאגט אויף דעם כ"ק אא"ז מרן הערוגת הבשם זי"ע (פ' שלח ד"ה למקום ההוא) אז אין די משנה שטייט (סוטה ט, ט) משמת יוסי בן יועזר איש צרדה ויוסי בן יוחנן איש ירושלים בטלו האשכולות, וואס מיינט מען איש האשכולות, זאגט רש"י (סוטה מז.) איש שהכל בו, אן איש וואס איז כולל אלע מעלות

דאס מיינט על אודות האשכול אשר כרתו משם בני ישראל, אז וווען נישט די מרגלים וואלט יעדע איד געקענט זיין אן איש האשכולות, איש שהכל בו.

זעט אויס אז מ'דארף זיך זארגן אויף דעם אז ס'זאל זיין ביי אידישע קינדער אן איש האשכולות.

פון די תורה קען מען וויסן וואס צו טון און פסק'נען ביי יעדע סארט מצב. א איד ווייסט אז אלעס ליגט אין די תורה, אלע שוועריקייטן קען מען ארויסנעמען פון די תורה, אפילו מדות קען מען זיך ארויסלערנען פון די תורה הק'.

**אב"ד קאסוב-זאלישטשיק**: זיין עבודת התפלה איז געווען ממש התפשטות הגשמיות, אפילו ווען ער האט געפירט טיש האט ער נישט געוואוסט ווער ס'זיצט נעבן אים, אבער נאכ'ן ענדיגן די טיש איז ער תיכף געווען צוריק, דעמאלטס האט ער געקענט רעדן צו יעדעם כאחד האדם.

**כ"ק מרן שליט"א למד משניות פרק ז' מקואות, וקם לנחם**:

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבילי ציון וירושלים, דער באשעפער זאל אייך טרייסטן, איר זאלט באהיטן ווערן פון צער.

* * *

**לאור פטירת הרה"ח ר' אברהם אליעזר פייפער ז"ל שסל"ח ביום כ"ט סיון ערב שב"ק קרח תשפ"ד**

## שיחת קודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א **בעת מסיבת לחיים לכבודו של הרה"ח ר' אברהם אליעזר פייפער ז"ל** בביתו בעיר בארא פארק, לכבוד קניית זכות קומה בבנין הת"ת החדש בעיר ב"פ יע"א

יום א' וישלח תשפ"ד לפ"ק

**מרן שליט"א**: מעלין בקודש! פון איין בנין גייט מען צו א צווייטע בנין בכמות ובאיכות.

**רא"א פייפער**: דער רבי ווייסט דאך וויאזוי מ'האט געעפענט דא די מיידל-סקול אין ב"פ. נאכדעם וואס כ'האב געהאט מיין ערשטע קינד א מיידל, בין אריין צום רבי'ן ז"ל אז כ'האב א מיידל און ס'איז נאכנישט דא קיין מוסדות. איך האב דאן געוואלט ארבעטן אז מ'זאל עפענען א סקול, איך האב געארבעט דארט אין אפיס, און איינער פון מיינע שותפים האבן מיר אפגערעדט: "נע, דו וועסט נישט קענען אליין", האב איך געפרעגט דעם רבי'ן ז"ל דערוועגן צי מ'זאל ארבעטן צו עפענען א מיידל-סקול, האט מיר דער רבי ז"ל געזאגט מיט א שטארקייט: "יא! יא!" און דעמאלטס האט מען געגרינדעט די מיידל-סקול.

די אפיס פון די מוסדות האט נישט געקענט פארנעמען נאך אן עול, האב איך געדארפט טון אלעס, כ'האב געדרייווט די ווען, רעגיסטרירט די קינדער, אויפגענומען טיטשער'ס וכו'.

**מרן שליט"א**: דעמאלטס האט מען געארבעט אסאך. די הנהלה איז געווען שטארקע ארבעטער'ס, ס'איז געווען הרה"ח ר' לייבוש קליין ז"ל און נאך, די הנהלה איז אליינס געזעסן און געארבעט.

**רא"א פייפער**: ווען מ'האט געקויפט דער בנין פאר די תלמוד תורה אויף צענטע עוועניו איז הרה"ח ר' יחיאל מיכל אבערלאנדער שליט"א געקומען פארשטעלט ווי א גוי, ווייל ס'איז געווען גוים, און זיי האבן עס נישט געוואלט פארקויפן; כ'האב איבערגעפרעגט ר' מיכל דערוועגן, אבער ער האט שוין נישט געדענקט דערפון.



דער בנין איז שנעל אויסגעוואקסן, פאפא תלמוד תורה האט אלץ געהאט די בעסטע שם טוב.

איך בין נאך געזעסן ביי מיטינג'ס מיט הרה"ג ר' משה מיללער ז"ל, און הרה"ח ר' דוב בעריש זאבעל ז"ל, און איך בין נאך דעמאלטס געווען א יונגערמאנטשיק...

**מוה"ר דוד דוב קאלמאן הי"ו:** ר' אברהם אליעזר איז אלע יארן געווען מראשי העסקנים.

איך בין א געווארן אן איידעם אין ב"פ און כ'האב געדארפט קומען וואוינען קיין ב"פ, און כ'האב געזוכט א דירה. איין טאג אלס חתן האב איך געטראפן ר' אברהם אליעזר אין בית המדרש און כ'האב זיך אויסגערעדט צו אים אז כ'האב חתונה אין פיר וואכן ארום און איך זוך נאכאלץ א דירה.

האט מיר ר' אברהם אליעזר געפרעגט: "ווי לאנג בלייבסטו דא אין בית המדרש?" האב איך געזאגט אז איך יאג מיר נישט, האט ער מיר געזאגט: "ס'קען זיין אז כ'האב א דירה פאר דיר; איך גיי יעצט אריין צום רבי'ן פרעגן צי כ'זאל קויפן א געוויסע הויז, און טאמער דער רבי זאגט מיר צו קויפן די הויז, האב איך דארט א דירה פאר דיר ארויסצודינגען". כ'האב געווארט דארט פאר אים, און ארויסקומענדיג פון רבי'נ'ס שטוב האט מיר ר' אברהם אליעזר געזאגט מיט שמחה: "כ'האב א דירה פאר דיר!"

**רא"א פייפער:** כ'האב געפרעגט דעם רבי'ן ז"ל צי כ'זאל קויפן דעם הויז, האט מיר דער רבי ז"ל געזאגט: "ווּעסט האבן פון וואו צו צאלן".

**רד"ד קאלמאן:** כ'האב געוואוינט אין דעם הויז פאר פערצן יאר, ס'איז נאך געווען א גוי'אישע גאס, כ'האב מיר אריינגעצויגן אהער צוויי וואכן פאר סוכות, און כ'האב געמוזט גיין צו עפעס א שכן אויפ'ן גאס וואס האט געהאט א סוכה.

א וואך נאך מיין שבע ברכות האט ר' אברהם אליעזר געמאכט א שיעור מיט מיר יעדע אינדערפרי; צוואנציג נאך פינף פארטאגס האבן מיר זיך געווארט אין די 'האלוועי', מ'האט זיך געמאכט א סימן אויף די פירהאנג

בית המדרש קהלת יעקב פאפא

בצער רב ובאנחה עמוקה, נשגר בזה ברכת תנחומים, והננו משתתפים בצערם הגדול של ידידינו היקרים, עושים ומעשים למען בית חיינו

הר"ר **יהושע פייפער** הי"ו

**חבר הנהלת המוסדות מסור ונאמן למען קהלתנו הק'**

הר"ר **יוסף פייפער** הי"ו

**אמם החשובה תחי' וכל משפחת פייפער הנכבדה שיחי'**

המתאבלים מרה על פטירת אביהם היקר והנחמד הבלתי נשכח מאתנו, אחד המיוחד שבחבורתנו, איש האשכולות איש שהכל בו, האי חסיד האי עניו ושפל ברך, שייף עייל שייף נפיק ולא מחזיק טיבותא לנפשיה, נוח לשמים ונוח לבריות, ירא את ה' במדה גדושה, נשא ונתן באמונה יתירה, אהב ועסק בתורה הק' כל ימי חייו, קיבל כל אדם בסבר פנים יפות, וצהלת פניו האיר לכל אדם, קולו המתוק בעמדו לפני התיבה בתפלתו עורר לב כל שומעיו, בעל תפלה קבוע בבית מדרשנו בירח האיתנים שנתמנה לזה על פי פקודת קדשו של כ"ק מרן זצוק"ל, ראש המדברים בכל מקום, ספרא רבא, זכה לחקוק עלי ספר ולהרשים קורות ימי רבותינו הק' למען ידעו דור אחרון, סבל יסורים רבים ל"ע במשך רוב ימי חייו וקיבל הכל באהבה ובמסירות נפש, דבק בעוז ותעצומות בדביקות נאמנה אל רבותינו הק' כ"ק מרן אדמו"ר זצוקללה"ה ויבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, עמד איתן כצור החלמיש לימין קדשו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בייסוד בית מדרשנו המפואר בב"פ, התמסר בכל לבו ונפשו והתאזר כגבור חיל למען בית צדיקים יעמוד, ה"ה

העסקן הנמרץ לכל קדשי בית חיינו

הרב החסיד ר' **אברהם אליעזר** ב"ר
**מרדכי שמואל פייפער** ז"ל

**מחשובי חסידי פאפא ומבוני ומקימי בית מדרשנו פה ב"פ**

**אשר שבק לן חיים לדאבון לב כל משפחתו וכל אנשי שלומינו בערב שב"ק קרח כ"ט סיון תשפ"ד, וזכה להשאיר אחריו דורות ישרים ומבורכים יראי ה' כפי אוות נפשו**

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבילי ציון וירושלים, ולא תוסיפו לדאבה עוד כל ימי חייכם, ולא ישמע עוד שוד ושבר בגבולכם, רק קול ששון ושמחה ישמע בגבולכם, וכל טוב סלה, ותוכלו להתחזק ללכת בדרכי אביכם החשוב הבלתי נשכח, ויקוים מה שכתוב (ישעי' כה, ח) בלע המות לנצח ומחה ה' אלקים דמעה מעל כל פנים, בביאת משיח צדקנו ומלכנו בראשנו אמן.

**כה דברי המשתתפים בצערכם: הנהלת הקהלה אנ"ש תושבי ב"פ**

ביים פענסטער אויב מ'איז שוין אויף, און אזוי האבן מיר געהאט א שיעור יעדע אינדערפרי פון זעקס אזייגער ביז האלב אכט.

ביינאכט בין איך ארומגעגאנגען אין די הייזער צוזאמען מיט ר' אברהם אליעזר צו צאמנעמען די שכר לימוד. כ'געדענק אז מ'איז אמאל געגאנגען צו איינעם אויף זיבעצענטע עוועניו און מ'האט געזען ביי יענעם עפעס וואס האט נישט געטויגט, וואס אויף דעם אופן האט מען נישט געקענט האלטן דאס קינד אין די מוסדות, האט מען דעמאלטס גענומען פון דארט שכר לימוד, אבער דעם קומענדיגן טאג איז שוין דאס קינד נישט געקומען אין חדר.

במשך אלע יארן יעדע זאך וואס מ'האט געדארפט טון פאר פאפא איז ר' אברהם אליעזר געשטאנען גרייט פאר אלעס, און ער רייצט טאקע ווייטער אונטער זיין זון הר"ר יהושע הי"ו חבר הנהלת המוסדות, מ'זעט אז ב"ה דער עפל פאלט נישט ווייט פון בוים, נישט נאר ס'פאלט נישט ווייט, נאר ס'איז א שטיק בוים.

**רא"א פייפער**: אין פאפא האט מען דאך נישט ליב קיין חנופה... הרה"ח ר' יחיאל מיכל אויש ז"ל איז דאך געווען די הנהלה, האט ער מיר דערציילט אז ער איז געווען אין פלארידא, און דער רבי ז"ל איז איינגעשטאנען ביי עפעס אן עושר, און ר' מיכל אויש האט געזאגט פאר'ן רבי'ן, אז דער רב וואס שטייט דא געוועלנליך איין נעמט ארום דעם






בעל הבית דער עושר, און ער זאגט אים ווי גוט און פיין און וואויל ער איז, און אזוי נעמט ער ארויס א שיינע סכום פאר די מוסדות...

האט ר' מיכל געבעטן פון רבי'ן ז"ל אז אפשר זאל דער רבי אויך ארויסוויזן א קירבות פאר דעם עושר. האט זיך דער רבי ז"ל געגעבן א שטעל אפ און אריינגעלייגט די הענט אין די גארטל כדרכו בקודש, און געזאגט: "מיכל! איך קען נישט חנפ'נען!"

**מרן שליט"א**: ס'איז געווען א איד הרה"ח ר' דוד הערצאג ז"ל דער פאטער פון הרה"ח ר' יוסף הערצאג ז"ל. ווען דער טאטע ז"ל איז אמאל געווען אין ארץ ישראל, איז ער געווען ביים שווער פון ר' דוד הערצאג וואס האט געוואוינט אין ארץ ישראל, און דער טאטע ז"ל האט זייער אויסגערימט פאר'ן שווער זיין איידעם ר' דוד הערצאג וואסערע וואוילע יונגערמאן ער איז.

די שמועה איז אנגעקומען צו די הנהלה אז דער טאטע ז"ל האט אים אויסגערימט, זענען זיי אריין צום טאטן ז"ל און געבעטן אז ווען ר' דוד הערצאג אליינס קומט אמאל אריין זאל מען אים אליין אויך אויסרימען, נישט נאר פאר זיין שווער... אבער דער טאטע ז"ל האט געזאגט: "איך קען נישט חנפ'נען"...

*

**רא"א פייפער**: דער רבי קען אודאי הרה"ח ר' מרדכי'לע וועבער שליט"א.

**מרן שליט"א**: יא אודאי, ער האט געלערנט ביים טאטן ז"ל; ער איז געווען משמש ביי כ"ק מרן מבעלזא זי"ע.

**רא"א פייפער**: כ'האב געהערט א שמועס פון אים, און ער דערציילט דארט אן אינטערעסאנטע זאך. אז כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע פלעגט זינגען א ניגון הייליגע טעג אויף 'וכל מאמינים', יעדע יאר דער זעלבער ניגון, און הרה"ח ר' ארי' גרינוואלד ז"ל וואס איז געווען פון די ראשי המשוררים האט אמאל געבעטן פונעם ויגד יעקב: "דער רבי זינגט יעדע יאר דער זעלבער ניגון, אפשר קען מען אמאל בייטן דעם ניגון?" האט דער ויגד יעקב געזאגט אז דער ניגון האט ער אמאל געזינגען אין בעלזא אויף לכה דודי און ביים טיש האט כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע געבעטן פונעם ויגד יעקב אז ער זאל איבערזינגען דעם ניגון, האט דער ויגד יעקב געזאגט: "דער ניגון וועל איך נישט בייטן".

**הרה"צ רבי לוי יצחק שליט"א דומ"ץ בית מדרשנו ב"פ**: איך האב אויך געהערט פון ר' מרדכי'לע די מעשה מיט דעם נוסח, אבער ס'איז דא א טעיפ פון רבי'ן ז"ל ווי ער קוקט זיך פאר די ניגונים פאר די הייליגע טעג, און דער רבי ז"ל דערציילט אן ענליכע מעשה אויף א צווייטע ניגון, איינער פון די ניגונים וואס מ'זינגט ביי אונז אויף מלך עליון. ס'איז נישט קיין סתירה, ס'קען זיין אז ס'איז דא צוויי מעשיות.

**רא"א פייפער**: ר' מרדכי'לע האט געזאגט עפעס א משונה'דיג מספר פון בחורים וואס האבן געלערנט דעמאלטס ביים רבי'ן ז"ל אין ישיבה.

איך געדענק אז אמאל איז איינער געקומען באזוכן די ישיבה, און יענער האט אנגעוואונטשן דעם רבי'ן אז די ישיבה זאל זיך צעוואקסן, האט דער רבי ז"ל: "עה, איך דארף נישט צופיל"...

*

**ר' אברהם אליעזר חתם השטרות עם כ"ק מרן שליט"א לקניית זכות קומה בבנין הת"ת, והרב דוד עמרם אויש שליט"א נשא מדבריו לכבוד המאורע.**

**שרו הזמר 'בורא עולם'. כ"ק מרן שליט"א טעם מ'לעקיך און ברוינפן', חילק שיריים ואיחל לחיים, ופנה לר' אברהם אליעזר ואמר:**

ס'איז א סימן טוב אז ס'איז יעצט ביי ענק אן עידן חדותא[ח], און דער חתן איז דא יעצט; אז ס'איז פונקט נזדמן געווארן אזוי איז עס אודאי א סימן טוב.

די ערשטע מאל וואס דער טאטע ז"ל האט געפראוועט א גרויסע שבת אין בארא פארק איז דער טאטע ז"ל איינגעשטאנען ביי הרה"ח ר' מרדכי אהרן וועבער ז"ל.

איך געדענק אז מ'האט דעמאלטס געשמועסט פון דעם דבר צחות וואס כ"ק האדמו"ר הדברי יואל מסאטמאר זצ"ל האט געזאגט אויף ב"פ אז אכצן מינוט איז א שיעור חימוץ, האט דער טאטע ז"ל אבער געזאגט דערויף, אז טאמער מ'ארבעט מיט א טייג ווערט עס נישט קיין חמץ; דעמאלטס האט די וועג געדויערט אכצן מינוט, היינט נעמט עס שוין מער...

**רד"ד קאלמאן**: פאר כ'האב חתונה געהאט קיין ב"פ בשנת תשמ"א בין איך אריין צום רבי'ן ז"ל און כ'האב מיר אויסגערעדט אז ס'איז מיר זייער שווער אז כ'דארף גיין וואוינען אין ב"פ און זיין ווייט פונעם רבי'ן, האט מיר דער רבי ז"ל געזאגט: "טאמער ווערסט דיר האלטן מיט די חברייא, זאג איך דיר צו אז ווערסט דיר אייביג בענקען".

אויך האט מיר דער רבי ז"ל בארואיגט אז ב"פ איז שוין היינט נישט ווי אמאל, ס'וואוינען שוין דארט אסאך ערליכע חסיד'ישע אידן.

**הרב דוד עמרם אויש**: במשך די יארן האט זיך די שטאט שטארק געטוישט. ווען איך האב חתונה געהאט האט מען

---

**ח.** שמחת נישואי נכדת ר' אברהם אליעזר ז"ל, בת לבנו ר' יהושע פייפער הי"ו חבר הנהלת המוסדות.

זיך געשעמט ארויסצוגיין שושן פורים מיט א שטריימל, ס'איז נישט געווען אזא זאך.

**רא"א פייפער**: וואס דארף מען מער פון דעם אז דער רבי שליט"א האט דא אין ב"פ דריי קינדער...

**מרן שליט"א**: יארן פריער איז דער גאנצער מושג פון ב"פ געווען עפעס א ווייטע זאך; מ'האט ניטאמאל געוואוסט וואו איז דאס ב"פ... אז איינער האט געזאגט עפעס וועגן ב"פ האט מען געפרעגט: "וואו איז ב"פ?"... איך געדענק אז מ'איז אמאל געגאנגען קיין ב"פ צו הרה"ח ר' משה יעקב פשערהאפער ז"ל פאר מים שלנו, פשערהאפער האט געהאט א בוטשער און קעגנאיבער אים איז געווען א גאז-סטאנציע און דארט איז געווען א קוואל; דאס איז געווען גאר אסאך יארן צוריק. אבער שפעטער איז עס געווארן מער אריינגעגעסן, מ'האט געדארפט האבן ברייטערע דירות, האט מען זיך מער אריבערגעצויגן אהער קיין ב"פ.

**רא"א פייפער**: אסאך אלטע חסיד'ישע רבי'ס האבן שפעטער געוואוינט אין ב"פ, כ"ק האדמו"ר מבאבוב זצ"ל, כ"ק האדמו"ר מסקולען זצ"ל.

**מרן שליט"א**: כ"ק האדמו"ר מסטוטשין זצ"ל און נאך.

סדנא דארעא חד (קידושין כז:), אבער יעדע שטאט האט זיך זיינע מעלות און זיינע נסיונות; הייסן הייסט עס אז לגבי שמירת עינים איז בארא פארק בעסער ווי וויליאמסבורג.

**רא"א פייפער**: איך בין ארומגעגאנגען מיט הגה"צ דעברעצינער רב זצ"ל צו די געשעפטן, און געבעטן פון יעדע געשעפט אז ער זאל זיין פארמאכט שבת.

**רד"ד קאלמאן**: מיין שווער הרה"ח ר' מאיר פרענקל ז"ל פלעגט אויך גיין מיט אים, צוזאמען מיט כ"ק האדמו"ר הנחל יצחק מזוטשקא זצ"ל.

**מרן שליט"א**: יא, דער זוטשקער רבי האט דאך אסאך געטון אין די ענינים.

*

**כ"ק מרן שליט"א איחל לר' אברהם אליעזר**:

לחיים, לחיים, לחיים. דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל זיין געזונט און שטארק, אינגאנצן געזונט! ס'קומט דאך אזעלכע השפעות פון תינוקות של בית רבן, מיט די השפעות פון תורה און תפלה, ברענגט דאס אודאי אודאי השפעות. זאל דאס ברענגען השפעות פאר אתם וביתכם געזונטערהייט, מ'זאל זען אסאך נחת פון די קינדער און קינד'ס קינדער געזונטערהייט.

**מרן שליט"א פנה להחתן ואמר**: חזק ואמץ! קומסט אריין א גוטע שטוב, דער אויבערשטער זאל העלפן ס'זאל זיין א קשר של קיימא, א בנין עדי עד, דער אויבערשטער זאל העלפן געזונטערהייט מיט שמחות שטענדיג.

כל טוב, זייטס אלע געזונט און שטארק.


# כולל 'קהלת יעקב' דחסידי פאפא

**בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

נשגר בזה ברכת מזל טוב מעומק לב ונפש, מול ידידנו הנחמד, איש חי ורב פעלים, שמו הטוב הולך לפניו, צדיק בכל דרכיו וחסיד בכל מעשיו, נעים ונחמד לכל, אוהב תורה בכל לבו ונפשו, מוקיר רבנן ותלמידיהון ואיהו גופא חד מינהון, ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, ה"ה

## הרה"ח ר' **יוסף זינגער** הי"ו

**חבר הנהלת הכולל**

לרגל השמחה השרויה במעונו בהכנסת בנו לעול התורה והמצוות

**ובהאי שעתא יזכר לטובה מעשי תקפו וגבורתו, עד כמה שמסור בכל לב ונפש ועומד כגבור חיל למען כוללנו הק', וממלא בזה בשלימות אמיתי רצון צדיק הוד כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, שזכה להתמנות על ידו לשמש בתור חבר הנהלה**

ואנו תפלה שזכות רבותינו הק' וברכות הקודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א יעמוד לו ולזרעו אחריו להתברך בכל מילי דמיטב, חיי ארוכי, בני ברוכי, ומזוני רוויחי, וסייעתא דשמיא בכל אשר יפנה, וכל אשר הוא עושה ה' יצליח.

**המברכים מקרב הלב:** יוסף דייטש, הערשל אויש; חברי הנהלת הכולל רבני הכולל אברכי הכולל

# דברות קודש

**בעת מסיבת מלוה מלכה לבחורי חבורת קהלת יעקב בארה"ק**

**מוצאי שב"ק קדושים תשפ"ד לפ"ק**

## בהקהל נאמרה

די וואכעדיגע סדרה שטייט (רש"י פ' קדושים יט, ב) פרשה זו נאמרה בהקהל. ס'שטייט אין ספרים אז 'קדושים תהיו' איז טאקע א מדריגה אבער ס'גייט אן פאר יעדעם איינעם.

איך בין נישט געקומען זאגן דא קיין תורות, כ'וועל נאר צאמנעמען אביסל ענינים וואס מ'דארף רעדן, ס'שטייט דאך אין צעטיל קטן (סעיף יג) אז ביי עבודת ה' איז גוט אז מ'רעדט זיך אויס פאר א חבר און פאר א רבי'ן, מ'שמועסט אויס ענינים.

## נסיעה לאמעריקא על דעת לחזור

ס'איז געווען ביי אונז א איד **הרה"ח ר' שמעון שפירא ז"ל**, ער איז געווען א תלמיד פון **זיידן ז"ל [מרן הויגד יעקב]** אין פאפא פאר'ן קריג - כ'האב אים נאך געקענט - זיין טאטע איז שוין געווען דעמאלטס פאר'ן קריג דא אין אמעריקא, און זיין טאטע האט אים אהיימגערופן אז ער זאל אים קומען באזוכן.

ווען ר' שמעון איז זיך געגאנגען געזעגענען פון זיידן ז"ל האט דער זיידע ז"ל נישט מסכים געווען אז ער זאל פארן אויף אמעריקא, דער זיידע ז"ל האט אים געפרעגט: "וואו וועסטו זיין דארט?" **הגה"ק מצעהלים זצוק"ל** איז דאך שוין דא געווען, האט ער געזאגט אז ער וועט זיך דרייען ביי צעהלימער רב, אבער דער זיידע ז"ל איז נישט געווען צופרידן און געזאגט: "צעהלימער רב איז הערשט יעצט געפארן, וואו וועסטו דיר דרייען דארט?"

דער טאטע ז"ל'ס ברודער **הגה"ק רבי משה זצוק"ל הי"ד** האט גע'פועל'ט ביים זיידן ז"ל אז ער זאל אים לאזן פארן, אבער דער זיידע ז"ל האט געזאגט אז ער לאזט אים פארן בתנאי אז ער זאגט אים צו אז ער קומט צוריק פארשטייט זיך, ער האט טאקע צוגעזאגט אז ער וועט צוריק קומען; למעשה האט אויסגעבראכן די קריג האט ער נישט געקענט צוריק קומען, אבער יארן שפעטער איז ר' שמעון געפארן צום ציון אין פאפא צו מקיים זיין די הבטחה וואס ער האט געזאגט פאר'ן רבי'ן אז ער קומט צוריק.

## אין מחיצות בין האלאשיץ לבעלזא

נו, היינט איז דאך א קליינע וועלט, אין רגעים ווייסט מען דא וואס ס'טוט זיך אין ארץ ישראל, און וואס ס'טוט זיך ארום די גאנצע וועלט.

דער אמת איז אז אין כל חדש תחת השמש (קהלת א, ט). ס'איז באקאנט אז ווען דער פריערדיגער רב **כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע** איז צוריקגעקומען קיין בעלזא נאכ'ן ערשטן קריג פון אונגארן, האט מען נאכנישט געקענט קומען קיין בעלזא ווייל ס'איז נאך געווען דארט חורבנות, און מ'האט געדארפט צוריקשטעלן און אויפבויען די אלע חורבנות וואס איז געווארן ביים ערשטן קריג, איז די ערשטע סטאנציע ביים צוריק קומען געווען אין האלאשיץ.

מעומק הלב נברך בזה ברכת מזל טוב לכבוד האי ארי שבחבורה, עוסק בתורה בשקידה נפלאה, שמועתו נאה, עושה פרי תבואה, תורה וחסידות בו צמודים יחד, כמעיין המתגבר משפיע לנו מבאר החיים של רבותינו הק', אשרי השומעים בכל עת אמרתו, עובד עבודתו בקודש במסירות נפלאה, מאיר פנים לכל אדם, ה"ה

**הרה"ח ר' יעקב משה לעווי שליט"א**

**ראש החבורה במסגרת 'ארגון החבורות' דחסידי פאפא**

לרגל הולדת בתו למזל טוב

יהי רצון שיזכה לרוות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח, מתוך שלוות הנפש והרחבת הדעת, ויתברך בשפע ברכה והצלחה בכל מעשי ידיו, ויזכה להמשיך עם פעלים וחיילים לתורה וחסידות, להשפיע תורה וחסידות מבארם של רבותינו הק', עד ביאת ינון גואלנו, ומלכנו בראשנו, במהרה בימינו אמן ואמן.

המברכים ברגשי גיל והוד

**חברי החבורה תלמידי שיעור א' במתיבתא קרית פאפא יצ"ו**

פאר פורים איז שוין געקומען די צייט וואס מ'האט געקענט צוריקגיין קיין בעלזא, האבן די בעלזא חסידים פון שטאט געבעטן אז דער רבי זאל נאך בלייבן אויף פורים, האט דער פריערדיגער רב ז"ל געזאגט אז ער דארף שוין פארן אבער ער וועט לאזן פאר זיי דעם זון דער לעצטער רב **כ"ק מרן מבעלזא זי"ע**.

דער רב ז"ל האט אבער געוואלט הערן די מגילה פון טאטן, האט ער געזאגט: "כ'האב נאך קיינמאל נישט פארפעלט קיין מגילה ליינען פונעם טאטן", האט דער פריערדיגער רב געזאגט: "איז דען דא א מחיצה צווישן האלאשיץ און בעלזא?!" אזוי האט דער פריערדיגער רב ז"ל געזאגט.

## אין אדם משים עצמו אינו חסיד

נו, קען איך דען זאגן אז ס'איז דא מחיצות צווישן אמעריקא און ארץ ישראל? מ'קומט און מ'גייט אזויפיל; ס'איז אבער אזוי אז א בחור פארט איז אלץ דא נסיונות, ס'שטייט אין פסוק (תהלים קיט, א) אשרי תמימי דרך, ס'איז אלץ דא נסיונות.

וואס זענען די נסיונות? יעדער פארשטייט אז ווען א בחור ווערט עלטער ער קומט שוין אין די יארן דארף מען האבן א טויש, צי ווייל מ'איז שוין אנגעצויגן וועגן שידוכים, צי אנדערע סיבות, מ'דארף אביסל א טויש, קודם איז מען געווען אין ישיבה קטנה, נאכדעם אין ישיבה גדולה, און יעצט איז מען שוין עלטערע בחורים.

ס'איז טאקע אמת אז מ'דארף א טויש, אבער מ'דארף וויסן 'וואס' איז דער טויש? דער טויש דארף זיין אז מ'גייט מעלה מעלה, מ'גייט העכער. אויב קומט דער יצר הרע און זאגט: "דאס איז נאר געמאכט פאר יונגע בחורים"... טויג נישט. למשל וואס דער יצר הרע זאגט אויף די אלע חסיד'ישע הנהגות וואס מ'איז געווען געוואוינט ביז היינט, א שטייגער ווי דאס אז מ'לערנט מיט א גארטל, און מ'גייט נישט אויפ'ן גאס אן א הוט, מקפיד זיין אויף אלע הנהגות, לערנען חסיד'ישע ספרים, וויסן אז א שבת דארף אויסזען ווי ס'דארף צו זיין מיט אלע מנהגים, א דאווענען דארף זיין אזוי ווי עס דארף צו זיין, מ'קען נישט דאווענען א בעל הבית'ישע דאווענען, מ'דארף זיך פירן מיט א העכערקייט, וכדומה די אלע זאכן, וואס מ'קען נישט אלעס אויסרעכענען.

ס'איז דא א **שיטה מקובצת** וואס זאגט (כתובות יט.) אז אזויווי די גמרא זאגט (כתובות יח:) אין אדם משים עצמו רשע, אז א מענטש קען זיך נישט מאכן פאר קיין רשע, אזוי אויך איז 'אין אדם משים עצמו אינו חסיד', מ'קען זיך נישט מאכן אן 'אינו חסיד'.

וואס איז דער פשט דערפון? ווייל אז ער איז נתגדל געווארן אזוי, בלייבט עס שוין אזוי, דאס קען מען נישט טוישן. א בחור וואס איז ביי אונז נתחנך געווארן דארף זיך האלטן מיט א שטארקייט, אז מ'גייט קיין ארץ ישראל דארף מען זיך האלטן שטארק קעגן די אלע נסיונות.

כ'פארשטיי אז ס'איז דא אמאל אז פאר א בחור אין די יארן איז אים שווער, און ס'קומט אמאל דער יצר הרע און מאכט אים טראכטן: "וואס וועט שוין זיין פון מיר, איך דארף דאך טרעפן א שידוך, איך פיל מיר נישט באקוועם צווישן אנדערע, איך פיל אז ווען איך קום אריין אין שטאט קוקט מען מיר אראפ ווייל כ'בין נאכנישט קיין חתן", און אזוי ווייטער די אלע מחשבות


ביהמ"ד 'קהלת יעקב' דחסידי פאפא, לינדען
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ברכת מזלא טבא וגדיא יאה, יעלה ויבוא אל מעלת כבוד האי גברא יקירא, אהוב למקום ונוח לבריות, בעל מדות תרומיות והליכות נעימות, לב טוב ומסור בלונ"פ חפיצה להזולת, עושה ומעשה למען כל קדשי בית מדרשנו, ובפרט בבניית בנין ביהמ"ד החדש בעירנו לינדען, ה"ה

העסקן הנמרץ הר"ר **יחזקאל פריעדמאן** הי"ו

לרגל הכנסת נכדו הבכור לבריתו של אברהם אבינו, בן אצל בנו הר"ר שרגא פייבל הי"ו

**הוא הגבר אשר מסור ונתון בלב ונפש חפיצה, במסירות נאמנה ונפלאה תמיד למען בית מדרשנו אשר בלינדען לא ינוח ולא ישקוט בכל עת ובכל שעה עד שהכל על מקומו יבא בשלום בס"ד והכל עושה בשמחה ובסבר פנים יפות**

יצו ה' את הברכה, שיזכה לרוות ממנו ומכל יו"ח מלוא חפניים נחת, מתוך שמחה ונחת והרחבת הדעת, ועוד רבות בשנים יעמוד על משמרתו הקדושה להגדיל תורה ולהאדירה, עדי נזכה לביאת גואלנו ומלכינו בראשנו במהרה בימינו, אמן.

**הנהלת וגבאי הביהמ"ד והמתפללים**

וואס מ'קען טראכטן, אבער מיט דעם אלעם דארף מען וויסן אז מ'דארף ווייטער אנהאלטן אלע זאכן.

כ'וויל זאגן א קליינע דוגמה וואס כ'ווייס נישט צי ס'טרעפט זיך, אבער ס'זאל נישט זיין קיין הוה אמינא פון אזא זאך אז ווען מ'טראגט אן א שידוך פאר א חסיד'ישער בחור זאל ער בעטן א בילד פון די מדוברת, ס'באלאנגט נישט; מ'פארלאזט זיך אויף די אינפארמאציע, און מ'פארלאזט זיך אויף די עלטערן, אבער אזא זאך באלאנגט נישט צו א חסיד'ישער בחור.

ווען מ'לערנט צווישן אנדערע בחורים קען זיך מאכן אז מ'ווערט אפגעקילט, ווייל זיי קוקן אן די זאכן אנדערש, און דער האלט זיך קלוגער וכו'. מ'דארף וויסן אז פון דעם ווערט מען נישט גליקליך, מ'ווערט נישט גליקליך טאמער מ'גייט מיט דעם מהלך אז דאס איז נאר געמאכט פאר יונגערע בחורים, און אז פאר די עלטער איז שוין נישט געזאגט געווארן די אלע ענינים פון חינוך וואס מ'איז נתחנך געווארן ביי אונז יונגערהייט, דאס מאכט נישט גליקליך.

מ'דארף וויסן אז א פרייטיג צונאכטס דארף זיין א פרייטיג צונאכטס, א שבת מיטאג דארף זיין א שבת מיטאג, א דאווענען דארף זיין א דאווענען, אן א מקוה קען מען נישט שטעלן דאווענען.

## להתחזק נגד הנסיונות

אמאל קומט דער יצר הרע און מאכט דעם בחור טראכטן: "מ'פארשטייט מיר נישט, איך בין שוין עלטער, יענער דארף מיר מער פארשטיין", מ'דארף וויסן אז ס'איז נישט אזוי, מ'פארשטייט ענק! אז דער אויבערשטער האט אזוי אוועקגעשטעלט אז א בחור לעבט מיט נסיונות, דארף מען דאס דורכשוויצן, און אדרבה פונקט פארקערט לפי די טירחא, לויט די שוועריקייטן, און לויט די נסיונות, איז די שכר גרעסער; אז מ'שוויצט עס דורך און מ'האלט זיך פעסט, איז מען זוכה נאכדעם אויפצושטעלן א אידישע שטוב, א חסיד'ישע שטוב, און חס וחלילה ווען נישט, האט עס נישט דעם מעלה.

## קדש עצמך במותר לך

פרשה זו נאמרה בהקהל, דארף מען פארשטיין ס'שטייט דא 'קדושים תהיו', קען דען יעדע איד זיין הייליג? דער תירוץ איז אז טאקע נישט יעדע איד קען זיין אויף די מדריגה פון 'הייליג', אבער יעדער איד קען מקיים זיין דעם 'קדש עצמך במותר לך', אז מ'טוט מער ווי מ'איז מחויב.

א חסיד הייסט איינער וואס טוט לפנים משורת הדין, דאס מיינט אז מ'טוט אויך זאכן וואס שטייט נישט אין שלחן ערוך, נאר מ'פירט זיך אזויווי מ'האט אים אויסגעלערנט, און אז יענער וועט מיר פרעגן: "וואו שטייט עס אין שלחן ערוך?" וועל איך זאגן: "כ'דארף נישט וויסן וואו ס'שטייט; אזוי האט מען מיר אויסגעלערנט, אזוי בין איך מחונך געווארן!"

מיט דעם מהלך און אויף דעם דרך דארף מען גיין ווייטער; פרשה זו נאמרה בהקהל, דאס גייט אן ביי יעדעם איינעם, אפילו ביים שוואכסטן בחור, ס'איז נישט קיין נפקא מינה, דאס איז געזאגט געווארן פאר יעדעם איינעם!

מ'זאל זיך נישט איינרעדן אז מ'ווערט גליקליך פון דעם, ווייל דאס איז נאר א נסיון וואס דער בעל דבר פארדרייט דעם קאפ, און ס'איז טאקע שווער, יעדע בחור דארף האבן חיזוק, און מ'דארף וויסן אז דער אויבערשטער וועט העלפן אז יעדער וועט טרעפן א גוטע שידוך, מ'וועט זיין גליקליך, מ'וועט אויפשטעלן א אידישע שטוב מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף.

יעצט שטייט מען דאך אין די ימי הספירה וואס איז א זמן וואס מ'דארף שטייגן מעלה מעלה, מ'הייבט אן דער זמן מיט א פעסטקייט און מ'גייט מעלה מעלה, מ'שטייגט ווייטער, ס'קומט אלץ נאך א טאג און נאך א שבת, מ'לערנט נאך א בלאט גמרא, מ'לערנט נאך א סעיף אין שלחן ערוך, מ'דינט דעם אויבערשטן אזויווי עס דארף צו זיין, דאס אלעס בויט אויף ווייטער.

## אסיפת חסידים

מ'זאל זען זיך צאמצוקומען שבת אין בית המדרש. ביי אונז איז מען צוגעוואוינט אז די דאווענען איז א שטארקע זאך, ביי אונז אין ישיבה ווייסט מען אז די דאווענען איז א שטארקע זאך, ס'איז תופס א מקום, איינער פון די זאכן וואס מ'איז שטארק מחנך די בחורים ביי אונז אין ישיבה איז אז מ'דארף זיך אוועקשטעלן דאווענען אזויווי עס דארף צו זיין, נישט מיט קיין קאלטקייט, דאווענען איז אן עבודה שבלב און ס'דארף זיך דערקענען.

אויף שלש סעודות שטייט דאך גרויסע זאכן. **הרה"ק רבי ר' הירש מרימנוב זי"ע** האט געזאגט: "כ'האב נאך קיינמאל נישט געהויבן א האנט אויף א איד, חוץ איין מאל ווען כ'האב געזען ווי איינער שמועסט ביי שלש סעודות". שלש סעודות איז דאך א גרויסע זאך ביי חסיד'ישע אידן, עד כדי כך אז ווען תשעה באב געפאלט אויס שבת אנטלויפט מען נישט פון די שלש סעודות, אויב אפילו ווען תשעה באב געפאלט אויס שבת יאגט מען זיך נישט, ליגט דאך עפעס אין דעם! זעט זיך אויס אז שלש סעודות איז עפעס א זאך!

איז דאך דער ענין פון זיך צאמקומען אין ביהמ"ד א גרויסע זאך, סיי די דאווענען, און סיי שלש סעודות; ס'איז א גרויסע זאך!

ס'איז ידוע די מעשה אז א תלמיד פון **כ"ק אא"ז מרן הערוגת הבשם זי"ע** האט זיך מיישב געווען אז ער וויל פארן קיין דייטשלאנד שטודירן, אינמיטן וועג האט ער זיך אפגעשטעלט ביי א סטאנציע, ס'איז געווען ראש חודש איז ער אריין אין בית המדרש געווענען, און דער האט זיך דערמאנט די נוסח פון זיין רבי'ן אויף 'יהללוך' ביי הלל, און ער האט מחליט געווען אז ער פארט נישט, ער האט זיך טאקע צוריקגעדרייט אהיים. זעט מען דאך אז דאס איז א גרויסע זאך.

מ'האט אלץ געוואוסט אזוי אז א בחור דערקענט זיך ביים דאווענען, און טאמער מ'ווערט אפגעוואוינט דערפון, ווערט מען אפגעקילט, אבער אז מ'איז צוגעוואוינט אז מ'האלט אן וויאזוי מ'האט מחנך געווען צו דאווענען, איז דאס א געוואלדיגע זאך.

באופן זה זאג איך אייך אז איר וועט אלע מצליח זיין אם ירצה ה', עטץ וועטס זיין גליקליך, און טרעפן גוטע שידוכים, די עלטערן וועלן דערלעבן נחת פון ענק.

עטץ זאלטס פארן געזונטערהייט, אז ס'האט זיך יא געמאכט אזוי אז מ'דארף פארן אויף ארץ ישראל, דארף מען זיך צוגעוואוינען אז ס'זאל זיין בבחינת עלו זה בנגב מיט חכמה (במדבר יג, יז), מ'זאל פארן מיט חכמה מיט א גוטע מחשבה.

זאל דער אויבערשטער העלפן עטץ זאלטס אלע מצליח זיין, און מיר זאלן שוין זוכה זיין בקרוב צו גיין קעגן משיח צדקנו מיט ענק צוזאמען בב"א.




ישיבה קטנה
קהלת יעקב פאפא
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ושמואל בקוראי שמו

בשיר וקול תודה נשתתף בהאי עידן חדוותא, בשמחתו של ידידנו היקר, ידיד ה' וידיד כל בית פאפא, רודף צדקה וחסד, רחום ומוקיר רבנן בכל לבו ונפשו, אהוב לשמים ונחמד לבריות, שמו הטוב נודע בשערים עם לבו הזהב ורך הלבב, ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, מובחר במעלות ובמדות נשגבות, וכתר שם טוב עולה על כלנה, מקבל כל אדם בסבר פנים יפות, חם לבו בקרבו באש להבה למען תורת רבותינו הק', ויד כל דבר טוב בו, ה"ה

ידידנו היקר הרבני הנכבד הר"ר **בן ציון**
**שמואל גאלדבערגער** הי"ו
**פטרון מבצע 'ויחי יוסף' בישיבתנו הק'**

לרגל שמחה הכפולה במעונו בהולדת הנכדות למזל טוב בת אצל בנו הר"ר **קלמן ברוך** הי"ו עסקן נמרץ בקהלתנו הק' בלינדען, ובת אצל בנו הר"ר **מנחם מאניש** הי"ו

**ובהאי זימנא נביע רגשותינו העמוקות מול פני ידידנו ר' בן ציון; אשר עומד כבסיס למען כל הקודש לנו, ובפרט נדבה רוחו בקרבו לנדב מהודרה מיוחדת של הספה"ק ויחי יוסף החדש למען הבחורים החשובים ההוגים ונבחנים על הספה"ק מדי שבוע בשבוע במסגרת מבצע מיוחדת בישיבתנו הק'**

יהי רצון שזכות רבותינו הק' יגן עליו ועל כל בני ביתו להתברך בכל מילי דמיטב, וימלא ה' כל משאלות לבבו לטובה, עושר ואושר יריצו אחריו, ויזכה לשתי שלחנות ברוחניות ובגשמיות, ויוכל להמשיך בפעליו הטובים לזכות את הרבים, ושיפוצו המעיינות חוצה. הצלחה וסייעתא דשמיא ילוו אותו כל ימי חייו עד סוף כל הדורות, בביאת משיח צדקנו ומלכנו בראשנו אמן.

**המברכים מקרב הלב: המנהל והמגידי שיעורים בחורי הישיבה**

# חסידים דערציילן

עובדות, מאמרים, וסיפורי חסידים על כ״ק מרנן רבותינו הק׳ קמא קמא דמטא לידן

## מה שסיפר חדב״ן הגה״צ **אבד״ק לימנוב** שליט״א

### הולך בדרכי אבות

**זכיתי** להיות נוכח בעת שביקר מו״ח כ״ק מרן זצוק״ל ביום שושן פורים תשל״ח לפ״ק אצל כ״ק האדמו״ר הדברי יואל מסאטמאר זצ״ל לאחר שזכיתי להתחתן בבית המלכות בית כ״ק מרן ז״ל, ודיברו שם פרטים אודות השידוך.

**כשקם** מרן ז״ל לצאת משם, אמר מרן ז״ל להאדמו״ר מסאטמאר בלשון מליצה: ״כ׳דארף קענען זיין א הולך״... כי מרן ז״ל היה קשה עליו ההילוך, הגיב האדמו״ר מסאטמאר בצחות: ״פאפא רב; איר זענט א גוטער הולך, א הולך בדרכי אבות, איר זאלט ווייטער אזוי גיין״...

*

### פירות טובים

**כידוע** שררה הערצה עמוקה בין מו״ח כ״ק מרן זצוק״ל עם כ״ק האדמו״ר מצאנז-קלויזענבורג זצ״ל.

**בעת** שמחת החתונה לבתו של האדמו״ר מצאנז-קלויזענבורג ז״ל עם כ״ק האדמו״ר מצאנז-זוועהיל שליט״א מיוניאן-סיטי, שלח האדמו״ר הזמנה למרן ז״ל והוסיף עליה בכתי״ק, ומרן ז״ל שלח לו בחזרה מכתב קודש עם ברכת מזל טוב לכבוד השמחה, וכתב עליו תוארים מופלגים.

**מרן** ז״ל לא היה יכול להשתתף אישית אצל השמחה, וביקש אותי למסור בשמו ברכת מזל טוב להאדמו״ר מצאנז-קלויזענבורג בעת שמחת החתונה. אכן עשיתי שליחותי ומסרתי הברכת מזל טוב, והאדמו״ר מצאנז-קלויזענבורג נהנה מאוד, ושלח פריסת שלום למרן ז״ל.

**כמו** כן זכיתי להיות נוכח בעת שביקר מרן ז״ל בבית האדמו״ר מצאנז-קלויזענבורג בשנת תשל״ט לפ״ק אחרי נישואיי.

**במהלך** הביקור אמר האדמו״ר מצאנז-קלויזענבורג למרן ז״ל: ״מ׳דארף דאך געבן דרשה געשאנק פאר׳ן חתן״, והאדמו״ר נתן לי תפוח מהטס פירות שהכינו לכבודו של מרן ז״ל, ואמר לי: ״דאס איז די דרשה געשאנק״. מרן ז״ל בראותו את ה׳דרשה געשאנק׳ עלה חיוך קל על שפתיו... פנה האדמו״ר מצאנז-קלויזענבורג למרן ז״ל ואמר: ״דאס איז די טייערסטע דרשה געשאנק; איך געב אים א פרי, און איך וואונטש אים אן שיינע פירות!״ הסכים מרן ז״ל ואמר: ״אמן! דאס איז טאקע די שענסטע דרשה געשאנק״.

*

## מה שסיפר מוה״ר **שלום ברמא״ח אבערלאנדער** הי״ו

### מקוה חמה בט׳ ימים

**בתשעת** הימים בחודש אב בשנתו האחרונה של כ״ק מרן זצוק״ל עלי אדמות, נחלש מרן ז״ל בגופו ולא היה יכול לילך לטבול במקוה בלי משמש.

**מרן** ז״ל היה אז במחנה הקיץ, ולצורך בריאות גופו הטהור של מרן ז״ל הכינו בשבילו מקוה חמה, אולם ברגע שהרגיש מרן ז״ל שהמקוה חם, אמר מרן ז״ל בתנועת התמרמרות: ״נו, ניין טעג״, ויצא מיד משם, וחזר לביתו נאוה קודש.

**מיד** נקרא א׳ מן העובדים שם, ומלאו את הבור עם מים קרים, ורק אז ירד מרן ז״ל לטבול במים. כל הסיפור נמשך לזמן מה, ועל אף שבדרך כלל דקדק מרן ז״ל להחזיק סדרי הישיבה בדיוק רב, נכנס מרן ז״ל באותו יום לתפלה בהיכל הישיבה באיחור עשרים דקות.

*

## סיום בט׳ ימים

**כ״ק** מרן זצוק״ל הקפיד שיהיה סיום בתשעת הימים ויאכלו בשר לכבוד סעודת סיום. בעת הסיום היה מרן ז״ל מגיע לחדר האוכל להשתתף בסעודת הסיום, מרן ז״ל היה מקשיב להבחור המסיים, ואחר כך ישב שם בחדר באוכל בעת סעודת הסיום על מקום מיוחד שהכינו בשבילו, ונשאר לשבת שם זמן רב. מרן ז״ל לא היה אוכל בשר, אבל היה שותה יין או מיץ ענבים לכבוד סעודת הסיום.

**בתקופה** שהייתי בישיבה קרה שבהמשך איזה שנים לא היה מרן ז״ל במחנה הקיץ בתשעת הימים, כי בכמה שנים היה מרן ז״ל בסאראטאגע למשך שבועות ראשונות של שבועות הקיץ, ולכן הוזנח ענין הסיום בתשעת ימים.

**לאחר** איזה שנים כשמרן ז״ל היה במחנה הקיץ שאל מרן ז״ל אם יש סיום, וכאשר נענה בשלילה תמה מרן ז״ל: ״ס׳איז נישט דא קיין סיום?״ וצוה שיראו לסדר שיהיה סיום בישיבה.

**בעת** סעודת הסיום היה שם הגה״ח ר׳ בנימין יוסף וועבער ז״ל גיסו של מרן ז״ל ור״מ בישיבה, ומרן ז״ל שאל אותו: ״האסט שוין געהאט לחיים?״ ור׳ בנימין יוסף ענה בשלילה, כידוע שר׳ בנימין יוסף היה תמיד מיצר ודואג על חורבן בית המקדש כדרכו. אולם מרן ז״ל מזג כוס יין ונתנו לר׳ בנימין יוסף, ומאז נהג ר׳ בנימין יוסף לשתות יין בעת סעודת סיום בתשעת הימים.

**אחר** הסיום פנה מרן ז״ל לאחד מהבחורים ושאל אם יהיה עוד סיום במשך השבוע, ואמר: ״ס׳זאל זיין לכל הפחות צוויי סיומים״.

*

## תיקון חצות

**זכורני** שפעם ביום תשעה באב אצל כ״ק מרן זצוק״ל אחר אמירת קינות ואיכה ישב מרן ז״ל לומר תיקון חצות, והיות שבחסידים לא הרבו באמירת תיקון חצות, על כן לא אמר מרן ז״ל את ה׳תיקון׳ בנוסח ובניגון המדויק.

**בבית** המדרש היה אז הרה״ח ר׳ בנימין קאלמאן ז״ל שמוצאו היה מעיר ווייצען עיר אשכנזית מובהקת, והכיר את הנוסח הדק היטב, וחשב לעצמו שהנוסח לא מדויק כל כך.

**מרן** ז״ל תפס במחשבותיו ולאחר התיקון פנה לעבר ר׳ בנימין וסיפר שפעם אמר הרה״ק הייטב לב מסיגוט זי״ע תיקון חצות, והיה שם אשכנזי שלא נהנה מזה כיון שהייטב לב לא הכיר את הנוסח המדויקת, אמר לו הרה״ק מסיגוט: ״גלייב מיר אז דער באשעפער האט אויך נישט קיין נחת פונעם נוסח פון תיקון חצות״...

מבקשים אנו מאנ״ש שכל מי שיש לו איזה עובדא או רשימה ממרנן רבותינו הק׳ ויבלחט״א כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א שישאיר הודעה להאספן הרב **מנחם מענדל אבערלאנדער** הי״ו על הקו המיוחד 5548-450(646)

**כל הזכיות שמורות ל׳מערכת קהלת יעקב׳ דחסידי פאפא**

**718.480.7872**

להערות והארות, אפשר להשאיר הודעה בקו המערכת **כפתור 9 < 0**

**אריינצולייגן אייער מודעה אדער ׳מזל טוב׳ פארבינדט אייך אויף:**
**929.441.0890** ביז מיטוואך 2:00 נאכמיטאג